# חיי שרה

א. ווי גערעדט שוין פיל מאָל[1] בנוגע די שמות הסדרות, אַז דער תוכן פון יעדער סדרה איז אָנגעדייטעט אין איר נאָמען — איז אַזוי אויך בנדון פרשתנו, אַז דער נאָמען „חיי שרה" איז מרמז אויף דעם תוכן פון דער גאַנצער סדרה.

איז תמוה: די גאַנצע סדרה רעדט וועגן פאַסירונגען וועלכע זיינען געווען ניט אין דער צייט פון „חיי שרה" (בשעת איר לעבן), נאָר אדרבה, אַלע מאורעות הסדרה האָבן פאַסירט לאחרי מיתת שרה[2];

און ניט נאָר זיינען זיי בפועל געשען אינעם זמן וואָס נאָך איר פטירה, נאָר אויך בתוכנם זיינען זיי היפך פון „חיי שרה":

אין דער ערשטער פרשה ווערט דערציילט ווי אברהם האָט געקויפט די מערת המכפלה צוליב קבורת שרה; דער צווייטער ענין פון דער סדרה[3] איז וועגן נשואי יצחק ורבקה, וואָס בסיום הסיפור זאָגט דער פסוק[4] — „וינחם יצחק אחרי אמו" — „ומשמתה הוא מתנחם באשתו"[5]; און אַזוי אויך (ומכל־שכן) דער דריטער ענין פון דער סדרה[6] — „ויוסף אברהם ויקח אשה גו'" און דער המשך „ואלה תולדות ישמעאל גו'", איז דאָס אַלץ ההיפך בתכלית פון „חיי שרה" — וואָרום מצד (חיי) שרה איז דאָך דער סדר פון „גרש האמה הזאת ואת בנה גו'"[7] —

היינט ווי קען מען זאָגן, אַז „חיי שרה" איז דער תוכן פון דער סדרה און נאָך — פון דער גאַנצער סדרה?

ב. דער ביאור בזה: ס'איז ידוע[8] דער פירוש אין דעם וואָס די גמרא[9] זאָגט „יעקב אבינו לא מת וכו' מה זרעו בחיים אף הוא בחיים":

דער אמת'ער ענין פון חיים, איז אַן אייביקער, אַ נצחיות'דיקער לעבן[10]. און דאָס איז מעגלעך נאָר ביי די וואָס זיינען דבוק צום אויבערשטן, וואָס ער איז מקור החיים והנצח האמתי, ווי עס שטייט[11]: והוי' אלקים אמת הוא אלקים חיים, און: ואתם הדבקים בהו"א חיים גו'[12].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז ווען איז ניכר אַז ביי יעקב'ן איז געווען אַן אמת'ער ענין פון חיים — חיים נצחיים, חיים של קדושה — בשעת מ'זעט די נצחיות פון זיין חיים, אַז אויך לאחרי צאת הנשמה מן הגוף ווערט עס נמשך, אויך שפּעטער „זרעו" — איז „בחיים" — זייער לעבן איז דער זעלבער ווי יעקב אבינו'ס חיים.

1) ראה לקו"ש ח"ה ע' 57 ואילך. ועוד.

2) ראה גם לקו"ש שם ע' 338 ואילך.

3) כד, א ואילך.

4) שם, סז וברש"י. וראה פדר"א פל"ב.

5) וגם עצם ההרהור שיצחק ישא אשה בא לאברהם לאחרי העקידה (ב"ר פנ"ז, ג. פרש"י וירא כב, כ). ובשורת העקידה הביאה ל„ותמת שרה" (פרש"י פרשתנו כג, ב).

6) כה, א ואילך.

7) וירא כא, יוד.

8) בהבא לקמן — ראה לקמן ע' 427 ואילך. וש"נ.

9) תענית ה, ב.

10) ועי"ד ההלכה: „מים חיים" — שולל נהרות המכזבין (פרה פ"ח מ"ט).

11) ירמי' יוד, יוד.

12) ואתחנן ד, ד.

עד"ז איז מובן בנוגע „חיי שרה"[13]: ווען ווערן נתגלה און באַשטעטיקט חיי שרה — ווען די השפעה פון שני חיי שרה איז קענטיק (אויך) נאָכן זמן פון איר לעבן בעלמא דין, ווען אירע עניני טוב וקדושה ווערן נמשך (אויך) שפּעטער; דוקא באופן זה קענען אירע קכ"ז שנה באַצייכנט ווערן אַלס „חיי שרה", חיים הראויים לשמם — די חיים אמיתיים פון שרה אמנו.

עפ"ז ווערט מוסבר דער חלק הפרשה וואָס רעדט וועגן נישואי יצחק ורבקה, אַז וויבאַלד די הנהגה פון יצחק, שרה'ס קינד (זרעה בחיים) איז געווען בהתאם מיטן (סדר) חיי פון שרה; און אַזוי איז אויך געווען די הנהגה פון רבקה מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט, ווי ס'שטייט „ויביאה יצחק האהלה שרה אמו" — „והרי היא שרה אמו"[14], אַז די עניני שרה (נר דלוק מע"ש לע"ש, ברכה מצוי' בעיסה וענן קשור על האהל[15]) זיינען נמשך געוואָרן אויך נאָכדעם ביי רבקה — דוקא אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט די אמיתית און נצחיות פון „חיי שרה"[16].

דאָס איז אָבער ניט מספיק, ווייל (נוסף אויף דעם וואָס דערמיט איז מוסבר נאָר איין ענין פון דער סדרה און ניט די אַנדערע צוויי ענינים הנ"ל, איז אויך) די פרשה ברובה רעדט ניט וועגן עצם הנישואין, נאָר וועגן די פרטי המאורעות והדיבורים אין דער שליחות פון אליעזר'ן (ווי ער האָט געטראָפן רבקה'ן, און ווי ער האָט דאָס איבער-דערציילט צו בתואל'ן און לבן'ען און גע'פועל'ט זייער הסכמה אויפן שידוך וכו').

ג. ווערט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים לבאר וואָס אויך אין דער ערשטער פרשה פון דער סדרה איז די אריכות דוקא אין דער שקו"ט צווישן אברהם מיט די בני חת ועפרון וועגן קויפן די מערת המכפלה:

אויך פאָדערט זיך הסברה: באַ דער התחלה פון די רייד פון אברהם צו די בני חת — „גר ותושב אנכי עמכם"[17] זאָגן חז"ל[18]: אם תרצו[19] הריני גר ואם לאו אהיה תושב[20] ואטלנה מן הדין שאמר לי הקב"ה לזרעך אתן את הארץ הזאת"[21] — דלכאורה איז ניט מובן*[21]:

א) וויבאַלד אברהם האָט די מערת המכפלה געקענט צונעמען „מן הדין"[22] — פאַרוואָס האָט ער זיך אַזויפיל משתדל געווען אַז זיי זאָלן דאָס אים פאַרקויפן (און „בכסף מלא")[23] און זאָגן אַז „הריני גר"?

ב) ווי האָט ער עס געקענט נעמען „מן הדין", וויבאַלד דאָס האָט דעמאָלט נאָך

---

13) ראה זח"א קכב, ב: אתת שרה ונחתת וסלקת ולא אתדבקת בי' כו' זכתה לחיין עלאין לה ולבעלה כו' אתדבקת בחיין ועל דא דילה הוו חיין.

14) פרשתנו כד, סז וברש"י.

15) פרש"י שם. ב"ר פ"ס, טז.

16) להעיר מרבינו בחיי פרשתנו בהקדמה.

17) כג, ד.

18) פרש"י עה"פ. מב"ר פנ"ח, ו.

19) בב"ר לפנינו: אם רציתם גר ואם לאו מארי ביתא. ובכמה כתי' (ראה ב"ר הוצאת תיאדור אלבעק): אם רציתי דייר ואם לאו מארי ביתא. ובפי' המיוחס לרש"י: אם רציתם הריני כגר עמכם ואם לאו הריני מארי בית בעל כרחכם שכך כו'.

20) בדפוס א' וב': ואם לאו אטלנה מן הדין.

21) לך יב, ז.

*21) ראה גם לקו"ש ח"ל ע' 83.

22) כפשוטו — כפי' החזקוני ומפרשי רש"י (רא"ם, רע"ב, לבוש האורה ועוד. עיי"ש) שסבר הי' לו חלק בארץ (וראה הערה 24). וכ"ה בפשטות לפי הדיעה בב"ב (ק, א) דהוי קנין (וראה לקו"ש ח"ה ע' 328 הערה 97). וראה ע"ז נג, ב ובפרש"י שם ד"ה ואשריהן. ובארוכה — פרשת דרכים דרוש ט. וראה צפע"נ הל' תרומות פ"א ה"א (ג, א ואילך).

23) ראה ש"ך עה"ת עה"פ.

ניט געהערט צו אברהם'ען (ס'איז בלויז געווען די הבטחה אויף להבא[24]: לזרעך אתן את הארץ הזאת)?

אויך פאדערט זיך ביאור בסיום הסדרה: אויף „ויקברו אותו יצחק וישמעאל"[25] זאגן רז"ל[26] (און רש"י[27] ברענגט עס אראפ) „מכאן[28] שעשה ישמעאל תשובה והוליך את יצחק לפניו". דארף מען פארשטיין: פארוואס איז די תורה מרמז ישמעאל'ס תשובה טאן ערשט בא קבורת אברהם (לאחר פטירתו) — ישמעאל האט דאך תשובה געטאן ווען אברהם האט נאך גע־לעבט[29], וואס דאס איז „שיבה טובה שנאמר באברהם"[30]?

ד. דער ביאור אין דעם — בהקדים החילוק צווישן אברהם און שרה[31] בנוגע זייערע תולדות:

אברהם איז, כפשוטו, געווען ניט נאר דער פאטער פון יצחק'ן, נאר אויך פון ישמעאל'ן — ביז, ווי חז"ל זאגן[32], אז „בנך יחידך אשר אהבת" — איז סיי יצחק, סיי ישמעאל. נאכמער: ישמעאל איז ביי אים געבארן געווארן פאר יצחק'ן.

ד.ה. אז פון אברהם איז ארויס־געקומען ניט נאר דער עם ישראל, נאר אויך אנדערע אומות, ביז אז דער אויבערשטער זאגט „אב המון גוים נתתיך"[33], ער איז „אב לכל העולם"[34].

דאקעגן שרה איז געווען די מוטער נאר פון יצחק, ד.ה. איר שייכות איז בלויז צו עם ישראל[35].

---

24) כן משמע מפרש"י שהביא הכתוב „לזרעך אתן את הארץ הזאת" ולא כבמדרש שהביא הכתוב (שם טו, יח) „לזרעך נתתי את הארץ"* (ראה ירושלמי חלה פ"ב ה"א). וגם עה"פ שם – הנה בב"ר (פמ"ד, כב) איתא „מאמרו של הקב"ה מעשה", משא"כ בפרש"י שם — „אמירתו של הקב"ה כאילו היא עשוי". (ולהעיר מת"י שם: לבנך אתן. וראה רמב"ן שם).

[ואין להקשות: סו"ס למה לא הביא רש"י הכתוב „לזרעך נתתי גו'"? כי י"ל, דע"פ פשש"מ לא מסתבר שאברהם אמר לבני חת אמירת הקב"ה „לזרעך נתתי גו'" (לפני שהי' לו זרע) דאמירתו של הקב"ה כאילו היא עשוי' — כי זה לא יתקבל אצלם ובמכש"כ וק"ו שאפילו לאחר שנולד יצחק אמרו ליצני הדור שאינו בנו של אברהם (ב"מ פז, א. תנחומא תולדות ג. הובא בפרש"י ר"פ תולדות)]. וראה בארוכה לקמן ע' 204 ואילך. לקו"ש ח"ל ע' 84 ואילך.

25) כה, ט.

26) ב"ב טז, סע"ב. וראה ב"ר פס"ב, ג.

27) עה"פ.

28) לשון רש"י כאן.

29) כמפורש בגמרא שם. ת"י פרשתנו שם, ח. ב"ר פנ"ט, ז. פרש"י לך טו, טו. וראה פרש"י וירא כב, א. ג.

30) סיום פרש"י כאן.

31) בהבא לקמן — ראה (בלשון הקבלה וחסידות) — אוה"ת ד"ה רבי בנאה פרשתנו קכ, א ואילך. תמב, ב ואילך. תו"ח פרשתנו קכה, ד ואילך. ולהעיר מביאוה"ז לאדהא"מ פרשתנו יג, ב. ד"ה ואתם הדבקים תרפ"ו (סה"מ תש"א) פ"ב. לקו"ש ח"ה ע' 339 ואילך.

32) סנהדרין פט, ב. פדר"א פל"א. תנחומא, ב"ר ופרש"י — עה"פ (וירא כב, ב). ועוד.

33) לך יז, ה.

34) פרש"י שם. מברכות יג, א. וראה ב"ר פמ"ט, ב. ספנ"א. ומשמע שהוא על כל הגוים כפשוטו. וראה ירושלמי בכורים פ"א ה"ד. רמב"ם הל' בכורים פ"ד ה"ג. ועוד [אבל גם אם הכוונה לגרים הרי „בכדי שיהי' הנכרי הערל"כ מגייר עצמו כו' א"א שיהי' זה בעצמו כ"א ע"י ההשפעה שנמשך לו מלמעלה ומאברהם היא באה שהוא האב להם ומשפיע זאת להם" (אוה"ת שם)].

35) להעיר שעשו בנו של יצחק הי' „ישראל מומר" (קדושין יח, רע"א). משא"כ ישמעאל — ראה בארוכה לקמן ע' 191 ואילך.

---

*) במדרש לקח טוב: „לזרעך אתננה את הארץ הזאת". ולכאורה הכוונה להכתוב שהובא ברש"י. ובשכל טוב: לך ולזרעך אתננה — הכתוב דלך יג, טו בשינוי. וראה מפרשי המדרש שם.

און עד״ז איז אויך דער אונטערשייד צווישן עבודת אברהם און עבודת שרה:

אברהם האָט מפרסם געווען אלקות צו אַלע סוגי בני אדם, „הקריא א״א לשמו של הקב״ה בפה כל עובר ושב״ [36], ביז אפילו צו ערביים וואָס משתחווים לאבק רגליהם [37] — ניט רעכענדיק זיך צי זיי וועלן בלייבן אויף ווייטער אונטער זיין השפעה אָדער ניט.

משא״כ שרה — איז (משנולד יצחק) די השפעה און המשכת אלקות וואָס דורך איר געווען נאָר למקום הראוי, אין צד הקדושה (ווי מרומז בסיפור ר׳ בנאה [38] ומבואר בארוכה אין חסידות [39]);

ביז אַז דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אויך בנוגע אברהם׳ס זון ישמעאל, שרה האָט וועגן אים געזאָגט (און אויס־געפירט) „גרש האמה הזאת ואת בנה כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק״, כאָטש אַז „וירע הדבר מאד בעיני אברהם על אודות בנו״ [40]:

אברהם האָט ממשיך געווען אלקות צו אַלעמען, איז „וירע הדבר מאד גו׳ על אודות בנו״, „שאומרת לו לשלחו״ [41]. נאָכמער: ער האָט געבעטן [42] (און אויס־געפירט) „לו ישמעאל יחי׳ לפניך״ [43].

מצד שרה [44] אָבער האָט ישמעאל קיין ערך ניט צו יצחק׳ן, ובמילא דאַרף זיין „גרש האמה הזאת ואת בנה כי לא יירש גו׳ עם בני גו׳״ — ער איז ניט שייך צו נעמען השפעת אברהם צוזאַמען מיט יצחק׳ן, אידן.

ה. אָט דער ענין — איז די נקודה כוללת פון די דריי פרשיות (וסיפורים) אין אונזער סדרה:

די מערת המכפלה איז געווען, מקום קבורתם פון אדם וחוה [45], וואָס פון זיי שטאַמט דער גאַנצער מין אנושי. לפי״ז האָט די מערת המכפלה לכאורה ניט געדאַרפט האָבן אַ שייכות נאָר ובדוקא צו אידן; און דאָך זעט מען, אַז אברהם האָט זיך משתדל געווען און עס אָפּגע־קויפט לקבורת שרה, און דאָרט גע־פינען זיך די ג׳ אבות און אמהות, דאָס געהערט בלויז צו אידן. דאָס גופא איז אַ באַווייז אַז אידן זיינען אויך דער עיקר פון אדם וחוה [46] — און אַלע אַנדערע אומות האָבן קיין ערך ניט לגבי זיי.

דערנאָך ווערט אין דער סדרה אַרויסגעבראַכט (אין סיפור פון אליעזר׳ס שליחות) נאָך אַ העכערער ענין: די העכערקייט פון אידן איז ניט נאָר אין באַצוג צו די אומות וואָס האָבן כלל קיין שייכות ניט צו אברהם׳ען, נאָר אויך בנוגע אַזעלכע וואָס האָבן יע אַ געוויסע שייכות:

וועגן אליעזר עבד אברהם ווערט גע־זאָגט אַז ער איז „דולה ומשקה מתורתו של רבו לאחרים״ [47]; און אין דעם סיפור

36) ראה סוטה יוד, סע״א ואילך. ב״ר ספנ״ד. ספל״ט. פמ״ג, ז. פמ״ט, ד. וראה לעיל ע׳ 122 ואילך.

37) ראה ב״מ פו, ב. הובא בפרש״י וירא יח, ד.

38) ב״ב נח, רע״א.

39) ראה במקומות שצויינו בהערה 31.

40) וירא כא, יא.

41) פרש״י וירא שם.

42) לך יז, יח.

43) ראה זח״א רה, ב: אברהם לא ידענו כו׳ לא אשתדל עלן כמה דאשתדל על ישמעאל דאמר לו ישמעאל כו׳. ח״ב לב, א. וראה אוה״ת לך יז, יט: לצד שתלד שרה כו׳. עוד אפשר לומר כו׳.

44) ראה אוה״ת שם שזהו לפי ששרשה למעלה מבחי׳ אברהם.

45) עירובין נג, א. סוטה יג, א. פרד״א ספ״כ. הובא בפרש״י פרשתנו כג, ב.

46) ראה בל״ת להאריז״ל תהלים לב (ובס׳ הליקוטים שם): כשברא הקב״ה את אדה״ר כל הנשמות שנכללו בו לא היו אלא נשמות ישראל ואם לא הי׳ חוטא לא היו האומות יוצאין לעולם.

47) יומא כח, ב. פרש״י לך טו, ב.

גופא (וועגן זיין שליחות) דערציילט די תורה וועגן דעם ריבוי נסים וואָס דער אויבערשטער האָט אים באַוויזן (ביי זיין דורכפירן די שליחות פון אברהם), ביז אַז פון אריכות הסיפור לערנען חז״ל [48] אַרויס אַז „יפה שיחתן של עבדי בתי אבות מתורתן של בנים כו׳" — און נאָך דעם אַלעם, האָט אברהם ניט געקענט משדך זיין יצחק׳ן מיט בתו של אליעזר, ווייל „בני ברוך ואתה ארור ואין ארור מדבק בברוך" [49].

ד. ה. ניט קוקנדיק אויף די אַלע מעלות פון אליעזר׳ן — איז ער אָבער בערך צו יצחק׳ן ניט בלויז נידעריקער במדריגה, נאָר ער איז לגבי אים ווי „ארור" אין פאַרגלייך צו „ברוך".

ו. און ביים סיום הסדרה איז די תורה מוסיף נאָך אַ גרעסערן עילוי אין דעם — אַז די העכערקייט פון אידן איז אפילו לגבי די תולדות פון אברהם, און דאָס איז אין אַן אופן אַז די תולדות האָבן קיין תפיסת מקום ניט:

נאָכדעם ווי די תורה דערציילט אַז „ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה" און „ותלד לו גו׳" — זאָגט דער פסוק [50] „ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק ולבני הפלגשים גו׳ נתן אברהם מתנות וישלחם מעל יצחק בנו גו׳" [51]; און עד״ז בשייכות צו בני ישמעאל אַז כאָטש זיי זיינען „תולדות ישמעאל בן אברהם", איז אָבער די תורה גלייך מוסיף ומדגיש „אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה" [52], אַז ישמעאל׳ס מציאות (מיט זיינע „תולדות" עד סוף כל הדורות) איז ילדה „שפחת שרה" [53], ניט קיין ערך צו יצחק בן שרה [53].

[עפ״ז איז אויך מובן וואָס ישמעאל׳ס תשובה טאָן איז די תורה מרמז בשייכות מיט קבורת אברהם און אין דעם וואָס „הוליך את יצחק לפניו": דער (עיקר) חטא פון ישמעאל וואָס צוליב דעם האָט אברהם אים געמוזט אַוועקשיקן צוזאַ־מען מיט הגר׳ן, איז דאָס וואָס ער האָט גע׳טענה׳ט אַז ער איז דער „בכור" און „נוטל פי שנים" [54], ער האָט ניט אָנער־קענט דעם אמת, אַז ער איז נאָר דער בן השפחה (ניט קיין יורש) און דער אמת׳ער יורש איז יצחק „בן הגבירה" [55]; און ווי שרה האָט געזאָגט „גרש האמה הזאת ואת בנה כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק".

און דערפאַר איז זיין תשובה אָנגעע־דייטעט (א) דווקא ביים ענין הקבורה (לאחר פטירתו של אברהם, וואָס דאָס איז דער זמן ווען ס׳איז ניכר בפועל, אַז ער האַלט זיך ניט פאַר אַ יורש); און אויך (ב) מיט דעם וואָס ער האָט דאַמאָלס מקדים געווען יצחק׳ן, ער האָט אָנערקענט דעם אמת און מודה געווען אַז יצחק איז דער יורש (ומחוייב בקבורתו) און ער איז דער בן השפחה [56]].

---

48) ב״ר פ״ס, ח. פרש״י פרשתנו כד, מב.

49) פרש״י פרשתנו כד, לט. מב״ר פנ״ט, ט.

50) פרשתנו כה, ה־ו. וראה כלי יקר שם: כי כך רצתה שרה כו׳.

51) וראה סנהדרין צא, א. אוה״ח עה״פ.

52) דע״פ פשוטו א״מ דלכאורה מיותר. זה שנאמר „ואלה תולדות ישמעאל" מובן בפשטות שבא לספר שנתקיימה הבטחת הקב״ה לאברהם (לך יז, כ) „ולישמעאל שמעתיך גו׳" (וראה רמב״ן שם, יח), אבל ההוספה „אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה לאברהם" מיותרת, ובפרט שכ״ז כבר ידוע.

53) להעיר מרשב״ם עה״פ (כה, יב). רמב״ן ורשב״ם ר״פ תולדות.

54) פרש״י וירא כא, יוד. ראה ב״ר פנ״ג, יא. תוספתא סוטה פ״ו ה״ג.

55) וי״ל שזה גרם והביא שאר הענינים שיצא לתרבות רעה וכו׳. ראה פרש״י שם, ט. יא.

56) ראה ב״ר פס״ב, ג: כאן בן האמה חלק כבוד לבן הגבירה.

און דאָס איז די כללות'דיקע שייכות פון די ענינים וואָס ריידן זיך אין דער סדרה צום נאָמען פון דער סדרה — „חיי שרה" — ווייל אין זיי איז מודגש דער אויפטו פון איר עבודה[57] (וואָס דאָס איז איר אמת'ער „חיים"): אַרויס־ברענגען די הבדלה און ניט־ערך צווישן יצחק און ישמעאל, אידן און אַ ניט אידן.

ז. אַ טיפערע הסברה אין דעם ענין: היות אַז די מציאות פון שמים וארץ וכל צבאיהם (כולל אומות העולם) איז „בשביל ישראל"[58]. די גאַנצע מטרה פון זייער בריאה איז צוליב אידן. ובמילא, אויב זיי פירן ניט דורך אָט די כוונה ומטרה זייערע, איז ניט פאַראַן די סיבה פון זייער מציאות.

[עפ"ז יש להסביר (בדרך אפשר) תוכן וגדר פון די ז' מצות ב"נ[59]: די ז' מצות ב"נ איז ניט אַן ענין ותכלית פאַר זיך (צוליב זיי אַליין), נאָר דאָס אויך איז בשביל ישראל ובשביל התורה — צוליב'ן קיום התורה והמצות פון אידן — כדי אַז אידן זאָלן קענען מקיים זיין תורה ומצות (ממשיך זיין דעם אור אלקי וואָס איז העכער פון וועלט), דאַרף די וועלט זיין „לשבת" ראוי און מוכשר דערצו, און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך די ז' מצות בני נח, וועלכע שטעלן איין אַ סדר פון ישוב העולם.

און דערפאַר ווען אַ ב"נ איז עובר אויף איינע פון די ז' מצות — אַן אונטערשייד וועלכע מצוה דאָס איז, איז ער מחוייב מיתה[60], ביטול מציאותו. וויבאַלד אַז די מטרה און סיבה פון זיין מציאות איז (ניט בתור תכלית פאַר זיך, נאָר) „בשביל ישראל" איז ווען ער פירט ניט אויס זיין תפקיד, פאַרלירט ער בדרך ממילא דעם יסוד פון זיין קיום אין וועלט].

און וויבאַלד אַז אין דעם באַשטייט זייער מציאות, האָט דאָס געדאַרפט זיין ניכר גלייך כלפי דעם ערשטן אידן — אברהם; און אויך דער ענין איז מודגש אין פרשת חיי שרה אין אַלע דריי ענינים, כדלקמן.

ח. אין דער ערשטער פרשה איז דאָס מודגש אין אברהם'ס רייד „גר ותושב — אם תרצו הריני גר ואם לאו וכו'":

ארץ ישראל איז באַשאַפן געוואָרן דורך'ן אויבערשטן מיט דער כוונה אַז זי זאָל אָפּגעגעבן ווערן צו אידן — דער (פריערדיקער) „ברצונו נתנה להם"[61] צו אומות העולם איז צוליב[61*] דעם „ברצונו נטלה מהם ונתנה לנו". און דאָס גופא איז באופן, אַז יעדער חלק פון ארץ ישראל האָט געהאַט זיין צייט און וועג ווען און ווי עס זאָל אָנקומען צו אידן[62]:

57) דאף שבפועל נעשו ע"י אברהם, הרי הי' זה מצד השפעת שרה עליו, וכמו השילוח דישמעאל שהי' בציווי שרה אלא שבפועל הי' ע"י אברהם.

58) פרש"י ר"פ בראשית. וראה ויק"ר פל"ו, ד.

59) בהבא לקמן — ראה לקו"ש ח"ה ע' 159 ואילך (ועוד). וש"נ.

60) בידי אדם או בידי שמים. ראה סנהדרין נח,

ב. רמב"ם הל' מלכים ספ"ט. רמב"ן עה"ת וישלח לד, יג. וראה לקו"ש ח"ה ע' 158 הערה 61.

61) פרש"י ר"פ בראשית.

61*) ראה זח"א פג, א: אי לא אתייהיבת ארעא קדישא לכנען בקדמיתא וישלוט בה לא הות ארעה חולקי' ועדבי' דקב"ה. וראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 11 ואילך. ועפ"פ דרך הפשט הטעם שהקב"ה נתנה מתחלה להם — ראה שיחת מוצש"ק פ' בראשית תשל"ט, שלא תהא הארץ שממה ורבו עליך כו' (ע"ד משפטים כג, כט) עד שיהי' עם ישראל, עיי"ש בארוכה.

62) עפ"ז יש להוסיף ביאור במש"כ בצפע"נ (הל' תרומות שבהערה 22) „דלאחר כבוש זכו למפרע", „דאף דא"י מוחזקת מ"מ מתחילה בעי קנין גמור ואח"כ נעשית מוחזקת למפרע".

כללות ארץ ישראל האָט געדאַרפט אָנ־קומען צו אידן ערשט בזמן יהושע (פריער — וואָלט געווען „תרבה עליך חית השדה" [62*]) און דורך כיבוש [63], און די מערת המכפלה — צו אברהם׳ען (צוליב קבורת שרה) דורך זיין אָפקויפן עס פון די בני חת [64].

און דאָס איז געווען כוונת אברהם ביים זאָגן „אם תרצו הריני גר, ואם לאו כו׳ אטלנה מן הדין שאמר לי הקב״ה לזרעך אתן את הארץ הזאת": אויב זיי פירן אויס די כוונה ותכלית צוליב וועלכע דער אויבערשטער האָט די מערת המכפלה געגעבן אין זייער רשות (— בכדי צו פאַרקויפן צו אברהם׳ען) איז „הריני גר", און ער וועט דאָס קויפן ביי זיי [און אַזוי אויך בנוגע דער כוונה ותכלית פון וועלט וואָס איז „בשביל התורה": די מערת המכפלה האָט זיך געפונען פריער ביי זיי, ביי בני חת און אברהם דאַרף עס אָפקויפן און עס קומט צו אין תורה [65]: אַ פרשה, אַ לימוד „קיחה קיחה משדה עפרון" [66]. ועוד].

אויב אָבער זיי ווילן עס ניט פאַר־קויפן איז „אטלנה מן הדין":

וויבאַלד זיי פירן ניט דורך דעם תפקיד ומכוון פון זייער האָבן די מערת המכפלה אין זייער רשות, ווערט בדרך ממילא בטל די מציאות פון זייער צייט־ווייליקע בעל־הבתישקייט אויף דער מערת המכפלה, איז „אטלנה מן הדין".

[און דאָס אַלץ איז שייך צו „חיי שרה" — בכחה ועבודתה של שרה, ווי דער פסוק איז מקדים „ויקם אברהם מעל פני מתו וידבר אל בני חת לאמר, גר גו׳" כדלקמן].

ט. אַזוי איז דאָס (וואָס די אומות וכו׳ זיינען „בשביל ישראל") אויך מוסבר אין דעם צווייטן ענין — נשואי יצחק (דער ערשטער וואָס איז געבאָרן געוואָרן אַ איד) ורבקה: די אריכות אין דער פרשה וועגן די ניסים וואָס האָבן געטראָפן מיט אליעזר׳ן, וואָס ער האָט וועגן זיי איבערדערציילט צו בתואל ולבן און וואָס דאָס האָט דערפירט אַז אויך זיי אָנערקענען אַז „מה׳ יצא הדבר" און מסכים צום שידוך פון יצחק מיט רבקה׳ן — „הנה רבקה לפניך קח ולך גו׳ כאשר דבר ה׳" — דאָס אַלס ברענגט אַרויס אַז דער עיקר ותכלית פון אַלץ וואָס דאָ איז געשען זיינען אברהם און יצחק („בשביל ישראל") [67];

און נאָכמער: בשעת בתואל האָט גע־

---

62*) עקב ז, כב.

63) וקני קניזי וקדמוני עתידים להיות ירושה לעתיד (פרש״י לך טו, יט. ב״ר ספמ״ד). אף שכולם ניתנו לאברהם ביחד בברית בין הבתרים.

64) ועד״ז חלקת השדה אשר קנה יעקב בשכם (וישלח לג, יט. וראה ב״ר פ׳ עט, ז: זה אחד משלשה מקומות שאין אומות העולם יכולין להונות את ישראל לומר גזולים הן בידכם ואלו הן מערת המכפלה ובית המקדש וקבורתו של יוסף כו׳).
ולהעיר ממחז״ל (פדר״א פכ״ו. מדרש הגדול ויגש מו, לד. מז, יא. רבותינו בעה״ת ויגש מו, כט) דפרעה נתן ארץ גושן לשרה, וברד״ק יהושע (יא, טז): ובדרש אומר כו׳ והיא נבלעת בתוך ערי ישראל. ראה רבותינו בעה״ת שם. רד״ל לפדר״א שם. לקמן ע׳ 407 ואילך.

65) להעיר מתורת הה״מ (הובא ונתבאר באוה״ת ויצא כרך ה תתסט, א) „לפי שיעקב אבינו השאיר אחריו אותיות התורה שעדיין לא הוציא אותם מלבן ולזאת רדף לבן אחר יעקב ליתן לו האותיות שנשארו אצלו וניתוסף פרשה אחת בתורה באלו האותיות". וראה לקמן ע׳ 260 ואילך.

66) קדושין בתחלתה.

67) ועד״ז הוא בהכוונה „בשביל התורה" – כי נוסף ע״ז שע״י שהי׳ צריך להסכמתם ניתוסף פרשה בתורה (כל הסיפור שאליעזר אמר לפניהם), הנה ע״ז נתחדש הענין הכללי (והדרשה) „יפה שיחתן של עבדי אבות לפני המקום מתורתן של בנים שהרי פרשה של אליעזר כפולה בתורה כו׳" (נסמן לעיל הערה 48).

וואלט מעכב זיין — איז בטל געוואָרן זיין מציאות[68] —

היות אַז די מציאות פון בתואל איז כדי „ובתואל ילד את רבקה"[69], פון אים זאָל געבאָרן ווערן רבקה און זי זאָל חתונה האָבן מיט יצחק'ן — איז בשעת ער וויל עס אָפּהאַלטן ווערט בטל זיין מציאות.

יוד. עד"ז איז עס אויך בנוגע דעם דריטן ענין פון דער פרשה: די תורה איז דאָ מדגיש ניט נאָר אַז ישמעאל איז אַ „בן האמה" (אַ בן פון „שפחת שרה") נאָר נאָכמער, אַז זיין מציאות איז תלוי' דוקא אין דעם וואָס ער אַנערקענט אַז ער איז אַ „בן האמה":

אויפן פסוק בסיום הסיפור „על פני כל אחיו נפל" זאָגן חז"ל[70]: „עד שלא מת אברהם ישכון משמת אברהם נפל", ויש לומר אַז דער פירוש הפנימי אין דעם איז:

ישמעאל'ס תשובה [וואָס באַשטייט אין זיין אַנערקענען אַז ער איז אַ „בן האמה", כנ"ל] איז געקומען דורך אברהם'ס תפלה „לו ישמעאל יחי' לפניך" — „יחי' ביראתך"[71], וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגענומען די תפלה, כנ"ל, ווי עס שטייט „ולישמעאל שמעתיך גו'".

און דאָס מיינט „עד שלא מת אברהם ישכון משמת אברהם נפל": כל זמן אברהם לעבט ביי ישמעאל'ן (בהנהגתו), כל זמן ישמעאל האַלט זיך ביי תפלת אברהם „לו ישמעאל יחי' ביראתיך" ובמילא פילט ער ווי זיין אמת'ע מציאות איז „בן האמה", איז ער אין אַ מצב פון „ישכון" — האָט זיין מציאות אַן אָרט; אָבער „משמת אברהם" — ער רייסט זיך אָפּ פון אברהם'ן — איז „נפל", ער ווערט אויס מציאות.

יא. און אויך דער ענין — ווי די מציאות פון ניט־אידן איז „בשביל ישראל" — איז שייך צו עבודת שרה דוקא, וואָס דעריבער איז עס די נקודה עיקרית אין גאַנץ פרשת „חיי שרה":

דער נאָמען אברהם (זאָגט תורה) איז ע"ש „אב המון גוים נתתיך", וואָס דאָס מיינט, אַז (מצד זיין אויפטאָן אין וועלט — „אב") האָט ער אַ שייכות[72] אויך, להבדיל, צו „המון גוים"; און מהאי טעמא גופא, מצד זיין השפעה אין וועלט, דערהערט זיך ניט אין די אומות אַז זיי האָבן ניט קיין מציאות לעצמם (און זייער מציאות איז נאָר „בשביל ישראל");

משא"כ שרה איז מלשון „שררה" — זי איז „שרה על כל"[73]: און מצד איר ענין דערהערט זיך ביי אומות העולם אַז אידן זיינען שולט אויף זייער מציאות, ובמילא — אַז זיי זיינען „משרתים" צו שרה ויורשי', לישראל.

יב. לכאורה קען מען נאָך אַלץ פרעגן: אמת טאַקע, אַז אין די ענינים פון דער סדרה דריקן זיך אויס די עבודה און אויפטו פון שרה, וויבאַלד אָבער אַז בפועל ריידן זיי וועגן זמן וואָס נאָך איר פטירה, זיינען זיי פאַרט ניט אינגאַנצן בהתאם מיט'ן טייטש פון „חיי שרה" — די קכ"ז שנה וואָס זי האָט גע־

68) ב"ר פ"ס, יב. פרש"י כד, נה. ועוד.

69) וירא כב, כג.

70) פרש"י סוף פרשתנו מב"ר ספס"ב.

71) פרש"י לך שם.

72) ולהעיר משבת קה, א.

73) פרש"י לך יז, טו (מברכות יג, א). וראה פרש"י נח יא, כט.

לעבט בעלמא דין און געטאָן איר עבודה.

איז דער ביאור בזה: די נקודת הענינים פון פ׳ חיי שרה (הגם אַז דאָס איז אינעם זמן פון נאָך איר פטירה) — דאָס האָט שרה אויפגעטאָן בעבודתה אין די קכ״ז שנות חיותה בעלמא דין (צו פועל זיין אַז עלמא דין זאָל דערהערן אַז זיין מציאות איז „בשביל ישראל״).

ס׳איז נאָר, אַז בעת איר עבודה בפועל איז דער אויפטו בהעלם, און דאָס קומט לידי גילוי דווקא לאחר פטירתה.

[בדוגמת ווי דאָס איז, כידוע[74] אינעם ענין וואָס די נשמות בג״ע זיינען נהנין מזיו השכינה — אַז דער „זיו השכינה״ איז „זיו תורתן ועבודתן ממש״ וואָס זיי האָבן געטאָן בעוה״ז: ס׳איז נאָר וואָס דער גילוי דערפון איז שפּעטער בג״ע].

און היות אַז דער תכלית שלימות העבודה איז, אַז דאָס וואָס די עבודה טוט אויף זאָל קומען (סו״ס) אויך בגלוי (לעוה״ב)

— און ווי גערעדט אַמאָל באריכות[75] בנוגע צום שכר (גילוי) בעוה״ב, אַז דאָס איז ניט קיין צווייטער זייטיקער ענין, נאָר אַז די שלימות הכוונה פון קיום המצות בעוה״ז ווערט דורך דעם וואָס די המשכה שע״י קיום המצות קומט בגילוי בעוה״ב —

איז דעריבער מובן, אַז די ענינים פון דער סדרה אין וועלכע די עבודה פון שרה קומט לידי גילוי — זיינען זיי — „חיי שרה״, זיי זיינען די שלימות המכוון פון די קכ״ז „שני חיי שרה״.

יג. יעדער ענין אין תורה איז אַ הוראה — איז דאָ אַ הוראה פשוטה וברורה בנוגע ימינו אלה פון התחלת הסדרה וסיומה:

בשעת עס קומען בני ישמעאל מיט אַ טענה, אַז די מערת המכפלה געהערט צו זיי, זייענדיק די קינדער פון אברהם, האָט מען אין דער פרשה אַ קלאָרן ענטפער: נוסף על זה וואָס דער רוב המכריע פון די ערביים וואָס געפינען זיך אין די שכינות׳דיקע מדינות פון א״י (און אין א״י: חברון וכו׳), שטאַמען כמפורסם ניט פון ישמעאל[76], האָט אויך ישמעאל אַליין קיין שייכות ניט צו דער מערת המכפלה, וואָרום די מערת המכפלה האָט אברהם געקויפט צוליב קבורת שרה, און ישמעאל איז דאָך כאמור, ניט דער יורש פון אברהם און פון שרה׳ן אוודאי ניט און במילא איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס באַלאַנגט נאָר צו בנה של שרה, יצחק, ולזרע יצחק — לא כל יצחק[77] — יעקב דוקא.

נאָכמער לערנט מען אַרויס פון סיום הסדרה: בשעת עס קומט אַ צייט ווען ישמעאל ווערט „ווילד״ און קומט מיט ווילדע טענות ותביעות, זאָלן אידן ניט מורא האָבן ח״ו, און נתפעל ווערן דער־פון, מ׳דאַרף אים נאָר דערמאָנען דעם אמת, אַז זיין מציאות איז „אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה לאברהם״, און אַז ווען ער הייבט זיך אָן האַלטן פאַר אַ מציאות פאַר זיך (ניט אַלס אַ בן פון

74) תניא פל״ט (נב, ב).
ואף שבתניא שם הוא לענין 1) שכר 2) להנשמה בג״ע — הרי 1) שכר ענינו יותר שלימות בגילוי כו׳, 2) „צדיקא דאתפטר אשתכח כו׳ יתיר מבחיוהי״ (ראה זח״ג עא, ב) „גם בזה העולם המעשה״ (אגה״ק סי׳ ז״ך).

75) לקו״ש ח״ה ע׳ 243 ואילך.

76) ראה ראב״ע תולדות כז, מ (בסופו).

77) נדרים לא, א.

שפחת שרה), ווערט ער „על פני כל אחיו נפל״.

און אין תורה שבכתב גלויבן דאָך אויך ניט אידן, איז בשעת דאָס וועט זיך אָפּלייגן ביי אידן ווי עס באַדאַרף צו זיין, און מען וועט דאָס אויפקלערן אויך ניט־אידן בסגנון המתאים, אָבער מיט אַ לשון ותוכן ברור וגלוי,

ופשיטא ניט אַראָפּפאַלן באַ זיך, ח״ו, פאַר אומות העולם, עאכו״כ ניט פאַר די וואָס האַלטן זיך פאַר בני ישמעאל,

וועט מען אויפהערן לוחץ זיין אויף אידן. וואָרום אויך זיי וועלן דערהערן (ובפרט דורך דעם וואָס מזלי׳ חזי [78]) אַז דאָס איז זייער טובה, אַז די מערת המכפלה, בתוככי כל ארץ ישראל לגבולותי׳, זאָל זיין לגמרי — אויך בגלוי און נאָך בזמן הגלות, „לעיני בני חת״ — ברשות פון אידן.

(משיחות ש״פ חיי שרה תשל״ה, תשל״ו)

---

78) מגילה ג, א. וש״נ.

# חיי שרה ב

א. אויפן פסוק[1] „ה׳ אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי ומארץ מולדתי גו׳" וואָס אברהם אבינו האָט געזאָגט צו אליעזר׳ן, שטעלט זיך רש״י אויף די ווערטער „ה׳ אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי" און איז מפרש[2]: „ולא אמר ואלקי הארץ ולמעלה אמר ואשביעך וגו׳ אמר לו עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ שהרגלתיו בפי הבריות אבל כשלקחני מבית אבי הי׳ אלקי השמים ולא אלקי הארץ שלא היו באי עולם מכירים בו ושמו לא הי׳ רגיל בארץ"[3].

לערנענדיק בפשטות, קומט רש״י באוואָרענען דעם טעם השינוי אין די פסוקים — וואָס אין דעם פסוק זאָגט ער ניט „ואלקי הארץ", און אין פריערדיקן פסוק זאָגט ער „ואשביעך בה׳ אלקי השמים ואלקי הארץ" — איז עס רש״י מסביר „אמר לו עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ כו׳".

לפ״ז דאַרף מען אָבער פאַרשטיין:

א) דער שינוי איז דאָך נאָר אין דעם וואָס אין דעם פסוק שטייט נאָר „אלקי השמים", „ולמעלה" שטייט אויך „אלקי הארץ" — טאָ פאַרוואָס איז רש״י מעתיק אויך דעם וואָרט „ה׳"[4] וואָס שטייט אויך אין דעם פריערדיקן פסוק: „ואשביעך בה׳"[5]?

ב) צוליב וואָס איז ער מעתיק דעם המשך הכתוב „אשר לקחני מבית אבי"[6], וואָס דאָס איז זיכער ניט נוגע צו דער שאלה?

[ואע״פ אַז, בפשטות, איז ער דאָס מעתיק צוליב דעם וואָס ער זאָגט ווייטער בפירושו „אבל כשלקחני מבית אבי הי׳ אלקי השמים ולא כו׳" איז דאָך דאָס גופא ניט פאַרשטאַנדיק, כדלקמן].

ג) פאַרוואָס דאַרף רש״י מפרש זיין „ולא אמר ואלקי הארץ" — אַ זאַך וואָס מען זעט דאָס אַליין? ער האָט גע־דאַרפט אָנהייבן: ולמעלה אמר כו׳. פון לשון רש״י איז משמע אַז ס׳איז דאָ אַ סברא אַז דאָ האָט געדאַרפט שטיין „אלקי הארץ" און דעריבער פרעגט ער (בתמי׳) „ולא אמר ואלקי הארץ", און די תמי׳ ווערט שטאַרקער מצד דעם וואָס „ולמעלה אמר".

מ׳קען ניט זאָגן אַז די סברא פאַרוואָס עס דאַרף דאָ שטיין „ואלקי הארץ" איז

---

1) פרשתנו כד, ז.

2) כללות לשון רש״י זה הוא בב״ר פנ״ט, ח. ספרי האזינו לב, י. ילקו״ש כאן רמז קז, אבל בקיצור לשון ובשינויים. ועי״פ המבואר לקמן בפנים פירוש מיוחד לרש״י בזה.

3) כ״ה הגירסא ברוב הדפוסים שלפנינו. אבל בדפוס ראשון ושני וכתי״ רש״י ישנם כו״כ שינויים. ונסמנו לקמן אחדים מהם. והקרוב יותר לגירסא שלפנינו הוא בדפוס שני, וידוע שהוא מדוייק יותר מדפוס ראשון וכמה כתי״ רש״י. וחתום עליו ר״ש אלקב״ץ (זקנו של בעל „לכה דודי") שהוגה על ידו. ולהעיר שי״א שזהו דפוס ג׳.

4) כ״ה גם בדפוס ראשון ובכמה כתי״ רש״י. ובדפוס שני הד״ה של פרש״י הוא „אלקי השמים". אבל נראה שטה״ד וחסר שם, כי אין ריוח והפסק לפני תיבת „אלקי השמים" כמו בכ״מ בדפוס שני שיש ריוח ונקודה לפני הד״ה.

5) ופשוט שאין לומר שמעתיק הל׳ כיון ש(זוהי רק תיבה אחת ה)שייכת „לאלקי השמים", שהרי מצינו כמ״פ שרש״י מעתיק רק התיבות שמפרש גם במקום שאינם ענין בפ״ע כ״א באים בהמשך לתיבה אחרת.

6) בדפוס ראשון ובכמה כתי״ רש״י מעתיק רק „אשר לקחני" וכ״ה בספרי האזינו שם. ובדפוס שני ובכתי״ אחדים ליתא גם זה.